15 איבּערגעלאָזט אַ געוויסן מאַן אין קייטן, וועגן
וועמען, ווען איך בין געקומען קיין ירושלים, די
יידישע הויפּט־כּהנים און זקנים זענען דערשינען
פאַר מיר, פאַרלאַנגענדיק אַן אורטייל קעגן אים;
16 וועמען איך האָב געענטפערט, אַז עס איז נישט
דער מנהג בּיי רוימער איבּערצוגעבּן אַ מענטשן
(צום טויט) איידער דער בּאַשולדיקטער האָט
די בּאַשולדיקער פאַר זיך פּנים אל פּנים, און
בּאַקומט אַ געלעגנהייט זיך צו פאַרטיידיקן אויף
17 דער בּאַשולדיקונג. ווען דעריבּער זיי זענען זיך
אַהער צוזאַמענגעקומען, האָב איך נישט געמאַכט
קיין אויפהאַלט, (נאָר גלייך) דעם אַנדערן טאָג
מיך געזעצט אויף דער ריכטער־שטול און בּאַפוילן,
18 מען זאָל בּרענגען דעם מאַן. קעגן וועמען די
בּאַשולדיקער, אַוועקשטעלנדיק זיך, האָבּן נישט
געבּרענגט קיין שום בּאַשולדיקונג פון פאַרבּרעכנס,
19 ווי איך האָב חושד געווען, נאָר האָבּן געהאַט
געוויסע טענות צו אים וועגן זייער אייגענער
אמונה, און וועגן אַ געוויסן ישוע, וועלכער איז
געשטאָרבּן, און וואָס פּוילוס זאָגט, אַז ער לעבּט.
20 און איך, זייענדיק אין ספק בּנוגע דער אויס־
פאָרשונג פון אַזעלכע שאלות, האָב געפרעגט,
צי ער וויל גיין קיין ירושלים און דאָרטן געמשפּט
21 ווערן וועגן די דאָזיקע זאַכן. אַזוי ווי אָבּער פּוילוס
האָט אַפּעלירט, צו בּלייבּן אין אַרעסט בּיז צו דעם
קיסרס אַנטשיידונג, האָב איך בּאַפוילן, ער זאָל
בּאַוואַכט ווערן, בּיז איך וועל אים שיקן צום קיסר.
22 און אַגריפּאַ האָט געזאָגט צו פעסטוסן: איך אַליין
וואָלט אויך געוואָלט הערן דעם מענטשן. צומאָרגנס,
האָט ער געזאָגט, וועסטו אים הערן.
23 צומאָרגנס דעריבּער, ווען אַגריפּאַ איז געקומען